## עונג יום טוב

גוט יום טוב אלע אידן. לעצטע מאל האט מען אנגעפאנגען צו דערציילן דעם מוראדיגען מעשה וועגן "מעט דרעבין," אן אמעריקאנער גוי וואס האט אנגעפאנגען צו לערנען אין א בעל תשובה ישיבה אין ירושלים. צוויי וואכן נאכדעם וואס "מעט" האט אנגעפאנגען צו לערנען אין ישיבה, האט ער גערופן זיין טאטען אין קאליפארניע. זיין טאטע איז זייער שטארק ערשטוינט געווארן צו הערן אז זיין זון מעט לערנט אין א ישיבה. איז לאמיר יעצט דערציילן די אנדערען האלב פונעם מעשה...

"היי דעד (א גוטן טאטי)" האט "מעט" געזאגט אויפן טעלעפאן צו זיין טאטן. "מיין זון, וואס האסטו געזען אין "איזריעל?" האט דער טאטע געפרעגט. "די אמת איז טאטי," האט "מעט" אנגעפאנגען צו זאגן, "אז איך האב פאר די לעצטע צוויי וואכן געלערנט."

"געלערנט??? דו האסט יעצט געענדיגט דעם אוניווערסיטעט, דו האסט אזוי פיל שטודירט! ווען דו ביסט געווען אין קאלאדגש, האסטו נישט געקענט ווארטן ביז דו וועסט שוין ענדיגען שטודירען! און יעצט ווילסטו נאך מער שטודירען?!?" האט מעט'ס טאטע געזאגט מיט א תמיהה אין זיין קול. "אין אמת'ן אריין," האט מעט אנגעפאנגען צו זאגן צו זיין טאטען, "איך האב געטראפן דא א אידישען סקול, 'א ישיבה,' און איך לערן דא וועגן אידישקייט... און דו ווייסט וואס טאטע? וואס מען לערנט דא איז מוראדיג!" די "ליין" איז געווארן שטיל. מעט האט געהערט א "טהומפ" אויפן ליין.

"טאטי, טאטי, וואס איז געשען? דו ביסט דארט? דו ביסט 'או קעיי'?" "יא, יא, אלעס איז אין ארדנונג, איך האב פשוט אראפגעלאזט דעם טעלעפאן... יעצט זאג מיר מיין קינד... ווי אזוי האסטו געוואוסט? ווער האט דיך געזאגט?" האט טאטע געזאגט. "מיך געזאגט וואס? איך פארשטיי נישט וואס דו פרעגסט טאטי." האט מעט געפרעגט זיין טאטען.

"אונז האבן קיינמאל נישט געוואלט אז דו זאלסט וויסן אז דו ביסט א איד!" האט מעט'ס טאטע געזאגט. די ווערטער האבן געהאנגען אין די לופט אפאר סעקונדעס. מעט איז געווארן ערשטוינט, צומישט און פריילי‎ך אין דעם זעלבען רגע. "אונז האבן קיינמאל נישט געוואלט אז דו זאלסט וויסן אז די ביסט א איד, דיין מאמא און איך האבן אסאך געליטן אין די מלחמה יארן און מיר האבן נישט געוואלט אז אונזער קינדער זאלן אויך ליידן וועגן דעם, צוליב דעם האבן אונז קיינמאל נישט געזאגט אז דו ביסט א איד. און יעצט אפילו אז דו ווייסט אז דו ביסט טאקע א איד, איך בעט דיך בכל לשון של בקשה... לאז אפ מיט דעם, גיי אוועק פון דער ישיבה..."

"טאטע, איך הער וואס דו זאגסט, אבער איך זאג דיך יעצט מיט דעם גרעסטען דרך ארץ אז איך וויל דא בלייבן. איך האב געטראפן א גוטע זאך דא לערנען וועגן אידישקייט אין דער ישיבה. איך קען עס נישט אפלאזן, איך האב נאר יעצט אנגעפאנגען!"

אבער, מעט'ס טאטע האט גארנישט געוואלט הערן דערפון. זיין טאטע איז אויפגערעגט געווארן אויף אים. כאטש אפילו אז מען מוז פאלגען א טאטע, אבער אויב דער טאטע ה"ו בעט אז דער קינד זאל עפעס טון קעגען די תורה, מעג נישט א קינד פאלגען. אזוי פיל הלכות כיבוד אב ואם האט מעט פארשטאנען, און ער איז ב"ה געבליבן אין ישיבה.

אפאר חדשים שפעטער, האט מעט'ס טאטע געזען אז ער קען נישט דורכקומען מיט זיין זון, און ער האט זיך מייאש געווען פון ארויסנעמען מעט פון דער ישיבה. איין טאג דערנאך האט מעט באקומען א פעקל פונדערהיים פון זיין טאטען. מעט האט אויפגעריסן דעם פעקל מיט גרויס נייגעריגקייט צו זען וואס זיין טאטע האט אים געשיקט. אין דער פעקל איז געווען א לאנגע פאפיער מיט לשון קודש צוזאמען מיט א ספר. מיט דעם איז געקומען א בריוו פון זיין טאטען. אין דער בריוו האט מעט'ס טאטע געשריבן אז ער האט זיך שוין מיישב געווען אז מעט וויל זיין א איד. און דערפאר האט ער געוואלט געבן צו מעט די צוויי איינציגסטע אידישע חפצים וואס ער האט געירשענט פון זיין אייגענעם טאטען אסאך יארן פריער.

מעט האט געברענגט צו זיין רבי אין ישיבה דעם אלטען אידישען דאקומענט צוזאמען מיט דעם אלטען ספר וואס זיין טאטע האט אים געשיקט. ער האט געבעטן אז זיין רבי זאל טייטשען דעם דאקומענט און אויך דערציילן וועגן דעם ספר. וויבאלד אז מעט האט נאר אפאר וואכן פאר דעם אנגעפאנגען צו לערנען, האט ער דערווייל נאך נישט געקענט ליינען אזוי גוט לשון קודש. דער "בריוו" איז געווען אן אלטע כתובה מיט די חתן און כלה "דוד מאיר בן ר' מתתיהו" און "חנה בת ר' יצחק." מעט איז געווארן מלא שמחה. ער האט געזאגט צו זיין רבי אז לכאורה איז דאס געווען די כתובה פון זיין באבא און זיידע, ווייל זיין טאטע האט אים לעצטענס מגלה געווען אז מעט הייסט נאך זיין עלטער זיידע "מתתי'."

נאכדעם האט מעט'ס רבי געעפענט דעם ספר צום שער בלאט צו זען אז דאס ספר איז געשריבן געווארן דורך א געוויסע "רב מתתי' דרעבין," וואס איז געווען מעט'ס עלטער זיידע, נאך וועמען ער הייסט! דער רבי האט דורכגעליינט א שטיקל פונעם הקדמה פונעם ספר. מעט מיט זיין רבי צוזאמען האבן כמעט געחלשט צו הערן וואס איז געדריקט געווארן דארט אין דעם הקדמה. מעט'ס עלטער זיידע האט געשריבן דארט אז ער האט געשריבן דעם ספר ווייל ער האט געוואלט מאכן זיכער אז זיינע אייניקלעך און איראייניגלעך זאלן בלייבן ערליך. דעמאלט יארן פריער, ווער ער האט געשריבן דעם ספר, האבן די רעפארמע ימ"ש אנגעהויבן שטארק פורץ גדר צו זיין. ער האט ווייטער געשריבן אז ער האט געשריבן דעם ספר כדי זיין אייניקלעך זאלן וויסן אז זיי האבן געהאט א זיידע וואס איז געווען א ירא שמים וואס האט געהיטן די תורה. און אויך האט ער געוואלט זיי לאזן וויסן אז ער האט געדאווענט מיט הייסע טרערן אז זיין אייניקלעך זאלן גיין אין זיין וועגן. פארשטייט זיך אז מעט איז געווארן זייער פריילעך. ער האט געוויינט פון התרגשות. זיין רבי האט אים ארומגענומען און אים געזאגט אז ער איז טאקע אהיימגעקומען.

"מעט" וואס הייסט שוין היינט "מתתי'" האט אויפגעשטעלט א שיינע אידישע משפחה וואס גייט ווייטער אויפן וועג פון תורה און יראת שמים אזוי ווי זיין זיידעס! שטעלט אייך פאר טייערע אידן וואס פאר א שכר ווארט אין עולם האמת פאר יענעם חסיד אויפן סאבוועיי. דורך דעם וואס דער חסיד האט געזאגט א גוט ווארט צו א גוי, האט דער חסיד משפיע געווען אויף דורות פון אידן! הפלא ופלא!

מען זאגט יעדען טאג אין די טעג: "כי אבי ואמי עזבוני וה' יאספני." דאס גייט ארויף אפשר אויף א בעל תשובה, וואס זיינע עלטערן פארלאזן אים און ער האט נאר דעם רבונו של עולם. דערפאר מוז מען מקרב זיין בעלי תשבות וויפיל ס'איז שייך. אויף דעם זעלבען אופן, יעצט אז מיר זיצן דא אין די הייליגע סוכה, מוז מען טראכטן וועגן די מצוה פון משמח זיין יענעם. און דורך דעם וועלן מיר אלע זוכה זיין צו א ריכטיגען זמן שמחתנו. אזוי ווי דער מדרש ברענגט, "אם אתה משמח את שלי, בימים טובים שנתתי לך, אף אני משמח את שלך." גוט יום טוב אלע אידן. *(לידיעת קוראינו החשובים הע"י: הגליון הבעל"ט יופיע אי"ה לקראת שבת פרשת בראשית.)*

מזל טוב לא"מ ר' טובי' וואלפבערג שליט"א ולמוה"ר יוסף פרץ הלוי ביללער שליט"א לרגל שמחת לידת הנכדה אצל בנו\חתנו מתתי' הי"ו

נתרם לרפו"ש של הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים. **נא לעיין בדף זה לאחר התפילה.** לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845) דעו אחיי היקרים מה שכתוב בזוהר: **"ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..."** (פר' תרומה קלא:)